# רעכטן פון שפיטאליזירטע

## אין ניו יארק סטעיט אפיס פון גייסטישע העלט פסיכיאטרישע צענטערס

NEW YORK STATE | Office of Mental Health

די געזעצן און פאליסיס פון ניו יאָרק סטעיט באשיצן די רעכטן פון מענטשן וואס זענען שפיטאליזירט אין סטעיט פסיכיאטרישע צענטערס.

דער האנטביכל רעדט ארום די רעכטן, און אופנים אין וועלכע איר קענט נוצן אויב איר גלייבט אז אייערע רעכטן - אדער די פון איינעם איר קענט - ווערן פארלעצט.

יעדער מענטש וואס גייט אריין אין איינע פון אונזערע שפיטעלער איז בארעכטיגט צו קעיר און באהאנדלונג וואס איז פאסיג צו זיינע אדער אירע געברויכן. שטאב מענטשן זענען דערוואַרטעט צו אנפירן דעם באהאנדלונג מיט מומחה'ישקייט, זיכערערהייט און מענטשליך מיט א פולע רעספעקט פארן פאציענט'ס כבוד און פערזענליכע ארנטליכקייט.

קאמישאנער

# אינהאלט

רעכטן און די געזעצן.......... 2
גייסטישע היגיענע געזעץ איינטריטן.......... 2
קרימינאלע פראצעדור געזעץ און פארריכטונג געזעץ איינטריטן.......... 4
פריוואטקייט און געהיימקייט.......... 7
ארבעט און עדיוקעישאן.......... 8
קאמוניקאציעס.......... 8
העלט קעיר פראקסי און אנווייזונגען אויף שפעטער.......... 10
אייער רעכט צו קוואליטעט קעיר.......... 10
אייער רעכט צו זיך קעגנשטעלן.......... 11
אפהאלטן און אפזונדערן.......... 11
כירורגיע און אנדערע באהאנדלונגען.......... 12
פארשונג.......... 13
קרימינאלע הונטערגרונד.......... 13
באפרייאונג.......... 13
לעגאלע הילף פאר אייך.......... 14
טעלעפאנירן נאך הילף.......... 15

## רעכטן און די געזעצן

רוב מענטשן ווערן געבערענגט צו ניו יארק סטעיט פסיכיאטרישע צענטערס אונטער די גייסטישע היגיענע געזעץ. אויב איר זענט צווישן זיי, זענט איר בארעכטיגט צו א ברייטע רייע פון עלעמענטארע רעכטן. א טייל פון די רעכטן זענען באשטימט און קענען נישט זיין באגרעניצט. אנדערע מעגן זיין באגרעניצט דורכן געזעץ פאר מעדיצינישע סיבות. אויב איר האט באקומען איינטריט אונטער די קרימינאלע פראצעדור געזעץ אדער פארריכטונג געזעץ, מעגן אנדערע סטאנדארטן אנגיין צו אייערע רעכטן.

אויב אייערע רעכטן זענען באגרעניצט צוליב קלינישע סיבות, מוזן די אורזאכן ערקלערט ווערן צו אייך און ווערן פארשריבן אין אייער רעקארד. וויפיל צייט די באגרעניצונג גייט זיין גילטיג מוז אויך דערקלערט ווערן.

איר מעגט אפעלירן סיי וועלכע באגרעניצונג פון אייערע רעכטן. איר מעגט גיין ערשט צום דירעקטאר פון אייער שפיטאל. איר קענט אויך באקומען הילף פון די גייסטישע היגיענע לעגאל סערוויס (MHLS), אייער שפיטאל'ס באורד אוו וויזיטארס, און די ניו יארק סטעיט צענטער פארן באשיצן מענטשן מיט ספעציעלע געברויכן. די טעלעפאן נומערן פאר יעדן דארפן זיך געפינען אויף "שפיטאליזירטע רעכטן (Inpatient Rights)" שילדן אין אייער פסיכיאטרישע צענטער. די שטאב מענטשן קענען אייך אויך העלפן צו באקומען די נומערן, און אנדערע קוועלער פון אינפארמאציע זענען אויסגערעכנט ביים סוף פון דעם האנטביכל.

## גייסטישע היגיענע געזעץ איינטריטן

ווען איר באקומט איינטריט, וועט איר באקומען א מעלדונג פון וואס איז אייער איינטריט סטאטוס און דערקלערט אייער רעכט צו באקומען הילף פון די גייסטישע היגיענע לעגאלע סערוויס.

ווען איינער באקומט איינטריט צו א ניו יארק פסיכיאטרישע צענטער אונטער די גייסטישע היגיענע געזעץ, פאלט דאס איינטריט אונטער איינס פון דריי אלגעמיינע קאטעגאריעס: אומפארמאל, פרייוויליג אדער אומוויליג.

**אומפארמאלע איינטריט** קען זיין ווען איינער פארלאנגט באהאנדלונג און באקומט איינטריט אן א פארמאלע אדער שריפטליכע אפליקאציע. אויב איר באקומט איינטריט אונטער דעם סטאטוס, זענט איר פריי צו פארלאזן סיי ווען.

**פרייוויליגע איינטריט** קען זיין ווען איינער וואס איז 16 אדער עלטער טוט זיך אנגעבן שריפטליך פארן באקומען איינטריט. אויב דער מענטש איז אונטער 18, די עלטערן, א געזעצליכער גארדיאן, קאסטודיאן אדער א בלוט-קרוב מעג האבן די אויטאריטעט צו אנגעבן אין נאמען פונעם מענטש.

אלס א פרייוויליגער סטאטוס פאציענט, מעגט איר מאכן א שריפטליכע פארלאנג פארן פארלאזן סיי ווען. אויב איר זענט אונטער דאס עלטער פון 18, מעג אויך דער פארלאנג פארן פארלאזן ווערן געמאכט דורכן מענטש וואס האט אנגעגעבן פאר אייער איינטריט, דורך אן אנדער מענטש פון א גלייכע אדער נענטערע פארבינדונג, אדער דורך די גייסטישע היגיענע לעגאלע סערוויס.

א פרייוויליגער פאציענט וואס לייגט אריין א שריפטליכע פארלאנג צו פארלאזן דעם שפיטאל מוז ווערן באפרייט סיידן דער דירעקטאר פונעם פסיכיאטרישן צענטער גלייבט אז ער/זי קומט נאך די פאדערונגען פאר פרייוויליגע איינטריט און דעריבער דארף פארבלייבן. אין דעם פאל, מוז דער דירעקטאר זיך ווענדן צו א ריכטער ביז 72 שעה פאר אויטאריזאציע צו האלטן דעם סטודענט.

אויב איר זענט שפיטאליזירט אלס אדער א פרייוויליגער אדער אומפארמאלער סטאטוס פאציענט, מוזט איר געמאלדן ווערן פון אייער סטאטוס און רעכטן פון צייט צו צייט, ווי אויך אייער רעכט צו באקומען הילף פון גייסטישע היגיענע לעגאלע סערוויס. דערצו, איין מאל א יאר מוזן די פסיכיאטרישע צענטער דירעקטאר און די גייסטישע היגיענע לעגאלע סערוויס איבערקוקן יעדע פרייוויליגע אדער אומפארמאלע סטאטוס פאציענט'ס פאסיגקייט און ווילִיגקייט צו בלייבן אויף אזא סטאטוס.

### אומוויליגע איינטריט קען זיין אין איינע פון די דריי אופנים:

1. מעדיצינישע סערטיפיקאציע, וועלכע פאדערט אז צוויי דאקטוירים זאלן אונטערזוכן א מענטש און באשטעטיגן אז ער אדער זי ברויך אומוויליגע קעיר און באהאנדלונג אין א פסיכיאטרישע איינשטאלט. דאס איז צייטנווייז באקאנט אומפארמאל אלס א "צוויי p.c." - א קיצור פאר "צוויי דאקטוירים באשטעטיגן." די סערטיפיקאציע מז ווערן באגלייט דורך אן אפליקאציע פאר איינטריט, געמאכט דורך איינעם וואס איז באקאנט מיטן אינדיווידועל (צום ביישפיל, א געזעצליכע גארדיאן, קאסטודיאן, א בלוט קרוב, פסיכיאטער וואס באהאנדלט אדער איינער וואס לעבט מיטן מענטש) אדער דורך איינער פון די רעגירונגס באאמטע.

אויב איר האט אומוויליג באקומען איינטריט אויף א מעדיצינישע סערטיפיקאט, אדער זענט אריבער צו דעם סטאטוס, מעגט איר ווערן געהאלטן אין א פסיכיאטרישע צענטער ביז 60 טעג. אויב איר - אדער א קרוב, חבר אדער די גייסטישע היגיענע לעגאלע סערוויס - גלייבן אז איר דארפט נישט זיין אומוויליג שפיטאליזירט מעגט איר אדער סיי ווער פון די אנדערע זיך אנגעבן פאר א געריכט הירינג אויף דעם ענין.

ביים סוף פון די 60 טעג, און פון צייט צו צייט דערנאך, מוז דער פסיכיאטרישער צענטער דירעקטאר זיך ווענדן צו א ריכטער פאר אויטאריזאציע צו אייך האלטן אלס אן אומוויליגער סטאטוס פאציענט. איר מוזט ווערן געמאלדן ווען אזא

אפליקאציע ווערט געמאכט, און איר האט דאס רעכט צו זיך קעגנשטעלן און צו זיין רעפרעזענטירט דורך די גייסטישע היגיענע לעגאלע סערוויס אדער אייער אייגן אדוואקאט ביים הירינג.

2. סערטיפיקאציע דורך א דירעקטאר פון קאמיוניטי סערוויסעס, אדער א דאקטער וואס אונטערזוכט וועלכער איז באשטימט געווארן דורכן דירעקטאר פון קאמיוניטי סערוויסעס.

די סערטיפיקאט דערקלערט אז דער מענטש האט א גייסטישע קרענק וועלכע קען צוברענגען צו הארבע שאדן צו זיך אדער צו אנדערע און פאר וועלכע באלדיגע שפיטאליזירטע קעיר און באהאנדלונג איז פאסיג.

אויב איר באקומט איינטריט אין אזא אופן, מוזט איר ווערן אונטערזוכט ביז 72 שעה דורך א פסיכיאטער פונעם שטאב. אויב דער פסיכיאטער באשטעטיגט אז איר קומט נאך די פאדערונגען פאר אומוויליגע איינטריט באזירט אויפן מעדיקאל סערטיפיקאציע, מעג מען אייך האלטן אינעם פסיכיאטרישן צענטער ביז 60 טעג. דער פראצעדור פארן ווערן געהאלטן אומוויליג איבער 60 טעג, און דער פאציענט'ס רעכט צו א הירינג, זענען די זעלבע ווי אויסגערעכנט אין חלק 1, אויבן.

3. עמערדזשענסי איינטריט באזירט אויפן קלאגע אז דער מענטש האט א גייסטישע קרענק וועלכע קען צוברענגען צו הארבע שאדן צו זיך אדער צו אנדערע און פאר וועלכע באלדיגע אבזערוואציע, קעיר און באהאנדלונג אין א פסיכיאטרישע צענטער איז פאסיג.

אויב איר באקומט איינטריט אין דעם אופן, מוזט איר ווערן אונטערזוכט ביז 48 שעה דורך א פסיכיאטער פונעם שטאב. אויב ער אדער זי באשטעטיגט אז איר קומט נאך די פאדערונגען פאר עמערדזשענסי איינטריט, מעג מען אייך האלטן אינעם פסיכיאטרישן צענטער ביז 15 טעג. צו אייך האלטן אומוויליג איבער 15 טעג, מוזט איר נאכקומען די פאדערונגען פאר, און אריבערגיין צו, אן אומוויליגע איינטריט באזירט אויף מעדיצינישע סערטיפיקאציע. (זעט חלק 1, אויבן, פאר א שילדערונג פון אייער רעכט צו א הירינג.)

## קרימינאלע פראצעדור געזעץ און פארריכטונג געזעץ איינטריטן

אינדיווידועלן מעגן באקומען איינטריט און געהאלטן ווערן דורך א פסיכיאטרישע צענטער אונטער די פאלגנדע געזעצן פונעם קרימינאלע פראצעדור געזעץ (CPL) אדער פארריכטונג געזעץ.

- א מענטש וואס איז ארעסטירט אין טורמע און ערווארטעט א משפט אדער פאראורטיילונג מעג האבן איינטריט צו א פסיכיאטרישע צענטער אונטער

חלק 508 פון די פאררעכטונג געזעץ. דער איינטריט איז גלייך צו אן אומווויליגע איינטריט אונטער די גייסטישע היגיענע געזעץ, אויסער דאס אז דער פאציענט בלייבט אונטער אויפזיכט און אין קאסטודי פון טורמע באאמטע.

- א מענטש וואס ווערט באשולדיגט אין א קרימינאלע פארהאנדלונג, וועלכער איז אדער קען זיין אומפעאיג צו פארשטיין די פארהאנדלונגען אדער העלפן אין זיין אדער איר אייגן פארטיידיגונג, מעג זיין איינגעגעבן אונטער איינס פון די צענדליגע געריכט באפעלן אונטער ארטיקל 730 פון די קרימינאלע פראצעדור געזעץ. א באפעל פון אונטערזוכונג פאדערט אז דער מענטש זאל זיין שפיטאליזירט פאר ביז 30 טעג בשעת א פסיכיאטרישע אונטערזוכונג ווערט געהאלטן. אויב נויטיג צו אויספילן דעם אונטערזוכונג, מעג דער ריכטער אויטאריזירן שפיטאליזירונג פאר א צוגאב פון צייט ביז 30 טעג.

א באפעל פון איינגעבונג אדער ווערן געהאלטן פארפליכטעט, פאר א צייט פון איינס אדער צוויי יאר, א באשולדיגטער וואס איז געזעצליך אומפעאיג און באשולדיגט פאר א פארברעכן. א באשולדיגטער מעג ווערן געהאלטן אויף איינס פון די געריכט באפעלן פאר נישט לענגער ווי צוויי-דריטל פון דעם מאקסימום אורטייל ער אדער זי האבן מעגליך באקומען מיטן פאראורטיילן אויף זייער פארברעכן. ווען איינס פון די באפעלן גייען אויס, מוז דער אינדיווידועל אריבערגעפירט ווערן צו א גייסטישע היגיענע געזעץ איינטריט סטאטוס - אומפארמאל, פרייוויליג אדער אומ-וויליג - אדער באפרייט.

- א מענטש וואס איז געפינען געווארן אומפאראנטווארטליך פאר א פארברעכן דורך א סיבה וואס דער געזעץ רופט אן גייסטישע "קרענק אדער דעפעקט" מעג אריינגעגעבן ווערן אין א שפיטאל דורך א געריכט באפעל אונטער חלק 330.20 פון די קרימינאלע פראצעדור געזעץ. די זענען: אונטערזוכונג באפעלן וועלכע פארפליכטעט דעם אינדיווידועל פאר 30 טעג פעריאדן פאר פסיכיאטרישע אפשאצונג; באפעלן פון ציווילע ע איינגעבונג מיט א באפעל פון באדינגונגען וואס ווערן ארויפגעלייגט דורך דעם ריכטער וואס פארפליכטעט א מענטש וואס איז געפינען צו זיין גייסטיש קראנק; און איינגעבונג באפעלן אין וועלכע א מענטש איז געפינען צו האבן א מסוכן'דיגע גייסטישע דיסארדער און צו פאדערן פלאצירונג אין א זיכערע איינשטאלט.

- א מענטש וואס איז פאראורטיילט און זיצט אין טורמע מעג האבן איינטריט צו א זיכערע שפיטאל אונטער חלק 402 פון די פאריכטונג געזעץ. אויסער אין עמערדזשענסיס, מוז א פאראויס געריכט אויטאריזאציע ווערן אפגענומען. דער פאציענט, אדער איינער וואס איז טעטיג אין זיין נאמען, מעג זוכן א הירינג. אויב א מענטש באקומט איינטריט אויף א באזיס פון אן עמערדזשענסי, מוזן געריכט אויטאריזאציעס ווערן אפגענומען דערנאך.

## ציווילע ע רעכטן

דער פאקט אז איר געפינט זיך אין א פסיכיאטרישע צענטער קען נישט זעלבסט ווערן גענוצט אלס א גרונט צו פארמיידן פון אייך סיי וועלכע פון אייערע ציווילע רעכטן. דער געזעץ שטעלט צו ספעציפיש אז איר האלט אן דעם רעכט צו זיך פארשרייבן און אויסוועלן אין וואלן, דאס רעכט צו ציווילע סערוויס גרייכונג און אפוינטמענט און רעכטן וואס זענען פארבינדן מיטן באקומען, פארלירן אדער ווערן אפגעזאגט א לייסענס, ערלויב, פריווילעגיע אדער אנדערע בענעפיט וואס סיי וועלכע געזעץ שטעלט צו.

איר האט אויך די רעכט צו זיין באשיצט פון אביוז און אומריכטיגע באהאנדלונג דורך ארבעטערס אדער אנדערע רעזידענטן. אויב איר גלייבט אז איר זענט אויסגעשטאנען גייסטישע, מינדליכע, סעקסועלע אדער פיזישע אביוז, אדער אויב איר זעט דאס פאסירן צו איינעם, ביטע באריכט דאס ווי שנעל מעגליך.

## פערזענליכע רעכטן

אלע אינדיווידועלן אין ניו יארק סטעיט פסיכיאטרישע צענטערס האבן די רעכטן אויסגערעכנט אין דעם חלק, סיידן עס איז דא א ספעציפישע געזעץ פון אן אנדער געזעץ - אזויווי די קרימינאלע פראצעדור געזעץ אדער פאריכטונג געזעץ פאר אינדיווידועלן וואס האבן איינטריט אונטער די געזעצן - וועלכע ווייזט אן אנדערש.

### איר האט דעם רעכט צו:

- געהעריגע פערזענליכע קליידער.
- א זיכערע און ריינע אומגעבונג.
- א באלאנסירטע און נארהאפטע דיעט.
- אויספירן די רעליגיע איר וועלט אויס, אדער קיין רעליגיע.
- פרייהייט פון אביוז און אומריכטיגע באהאנדלונג דורך ארבעטערס אדער אנדערע רעזידענטן.
- פאסיגע באקליידונג און פערזענליכע היגיענע סופלייען.
- א געהעריגע זיכערע פלאץ צו האלטן דארט קליידער און אנדערע פערזענליכע זאכן.
- געהעריגע פריוואטקייט אין שלאפן, באדן און טוילעט געביטן.
- אויפנעמען באזוכער אין געהעריגע צייטן, האבן פריוואטקייט ביים ווערן באזוכט, און פרייע קאמוניקאציע מיט מענטשן אין און אינדרויסן פון דעם פסיכיאטרישן צענטער.
- פאסיגע מעדיצינישע און דענטאל קעיר.
- אן אינדיווידועליזירטע פלאן פאר באהאנדלונג און טעטיגע אנטיילנעמונג

אינעם אנטוויקלען אזא פלאן.

- פארבינדט זיך מיטן דירעקטאר פונעם פלאץ, דער גייסטישע היגיענע לעגאלע סערוויס, די שפיטאל'ס באורד אוו וויזיטארס, אדער די ניו יארק סטעיט יוסטיץ צענטער פאר סיי וועלכע פראגעס אדער קלאגעס. (אדרעסן און טעלעפאן נומערן ווערן געשטעלט אין שפיטעלער, און א טייל געפינען זיך אויף די פארקערטע זייט פון דעם פובליקאציע.)

די אויבנדערמאנטע רעכטן זאלן נישט זיין באגרעניצט אלס א שטראף אדער פאר די באקוועמליכקייט פון דעם שטאב. די רעכטן קענען זיין באגרעניצט בלויז מיט א שריפטליכע באפעל פון א דאקטער. דער באפעל מוז ווערן געלייגט אין אייער קלינישע רעקארד און זאל דערקלערן די צייט אפשניט און קלינישע בארעכטיגונג פארן באגרעניצונג.

## פריוואטקייט און געהיימקייט

דער געזעץ גיט אייך אויך דאס רעכט צו פריוואטקייט און געהיימקייט ביים רעדן מיט די וואס אונטערזוכן אדער באהאנדלען אייך און צו געהיימקייט פון אייערע קלינישע רעקארדס און אנדערע אינפארמאציע וועגן אייך.

דער אפיס פון גייסטישע געזונט וועט אייך צושטעלן מיט א באזונדערע מעלדונג פון פריוואטקייט אנפירונגען וואס וועלן אייך לאזן וויסן וויאזוי מיר נוצן און געבן ארויס אייער געהיימע גייסטישע געזונט באהאנדלונג אינפארמאציע. עס וועט אייך אויך זאגן וואס אייערע רעכטן זענען אנבאלאנגט אייער גייסטישע געזונט באהאנדלונג אינפארמאציע, און מיט וועמען איר קענט זיך פארבינדן אויב איר האט פראגעס אדער קלאגעס איבער וויאזוי מיר האבן גענוצט אדער מיטגעטיילט אייער באהאנדלונג רעקארד.

אין אלגעמיין, מעג קיין שום אינפארמאציע וועגן אייך ווערן ארויסגעגעבן סיידן איר אדער אייער געזעצליכע פארשטייער גיט רשות אין שריפט. אין באגרעניצטע אומשטענדן, פונדעסטוועגן, ערלויבט דער געזעץ אדער פארלאנגט דאס ארויסגעבן פון רעקארדס אדער אינפארמאציע צו געוויסע מענטשן אדער ארגאניזאציעס. צום ביישפיל, רעגירונגס אגענטורן און אינשורענס פירמעס מעגן באקומען אינפארמאציע וואס איז נויטיג צו מאכן באצאלונגען פאר צוגעשטעלטע סערוויסעס. אין רוב פעלער וועלן ארויסלאזונג ווערן פארשריבן אין אייער רעקארד, און איר זענט בארעכטיגט צו געוואר ווערן וועגן זיי אויב איר פארלאנגט.

א פסיכיאטרישע צענטער קענען וועלן נעמען א בילד פון אייך כדי אייך צו געבן א בילד אידענטיפיקאציע קארטל. איר האט די רעכט צו זיין אינפארמירט וועגן די צוועק און באנוץ פון די בילד, און סיי וועלכע קעגנשטעלונג איר האט וועט ווערן גענומען אין באטראכט.

מענטשן וואס ווערן אנגענומען אונטער די קרימינאלע פראצעדור געזעץ אדער פארריכטונג געזעץ קענען ווערן פארלאנגט צו האבן בילדער אויף פייל פאר געזעץ פארזיכערונג צוועקן.

## ארבעט און ערציאונג

אויסער צו אויפהאלטן פערזענליכע פארמעגן און וואוינען פלאץ ווען שייך; קענט איר נישט זיין פארלאנגט צו טון סיי וועלכע ארבעט.

אבער, ארבעט איז גערעכנט אלץ איינע פון די הויפט חלקים פון היילונג, דעראיבער טוען סטעיט אפיס פון גייסטישע געזונט פאסיליטיס פארשלאגן געלעגנהייטן פאר ארבעט אדער ארבעט טרענירונג האלטנדיג זיך צו שטאטישע און פעדעראלע לעיבאר געזעצן.

איר מוזט ווערן געזאגט מינדליך און שריפטליך וועגן ארבעט און ארבעט טרענירונג. איר מוזט ווערן געזאגט די ראטע פון באצאלונג, די באצאלונג צייט אפשניט, וויאזוי גאנצע באצאלונג איז באשלאסן, וועלכע פארמינערונגען ווערן געמאכט און די סיבה פאר יעדע איינע פון זיי. איר מוזט אויך ווערן געזאגט וועגן די תנאים פון סטעיט אפיס פון גייסטישע געזונט רעגולאציעס וועגן ארבעט און ארבעט טרענירונג.

אויב איר זענט צווישן די יארגאנג פון 5 און 21, האט איר די רעכט צו די זעלבע ערציאונג און וואקאציאנאלע סערוויסעס וואס איר זענט בארעכטיגט צו אינדרויסן א שטאט פסיכיאטרישע צענטער.

## קאמוניקאציעס

### באגרעניצונגען

די שפיטאל געבט צוטריט צו מענטשן מיט באגרעניצונגען. דאס איז אויך אמת פאר די באגרעניצונגען וואס פארלאנגען אוקסילירי הילף און סערוויסעס צו פארזיכערן עפעקטיווע קאמוניקאציע. צום ביישפיל: די וואס האבן א זע-קראפט באגרעניצונג קענען ווערן צוגעשטעלט גרעסערע דרוק אדער אן אודיטארי ווערסיע פון וויזיאול מידיע; די וואס האבן הערן באגרעניצונגען קענען ווערן צוגעשטעלט מיט טעלעפאנישע אמפליקאציע, פארמאכטע טיטלען, אדער אנדערע צוגעפאסטע צושטעלונגען וואס קומען נאך די געברויכן פון די אינדיווידואל.

פאר די וואס האבן הערן פארלוסט און נוצן אויך אמעריקאנער צייכן שפראך ביטע זעט די חלק אונטן באטיטלט קאמוניקאציע צוטריט.

### קאמוניקאציע צוטריט

אויב איר רעדט נישט ענגליש (אריינגערעכנט די וואס זענען טויב און נוצן די אמעריקאנער צייכן שפראך) אדער די וואס גלייכן צו נוצן זייער אייגענע שפראך,

דאן וועט א קוואליפיצירטע איבערזעצער ווערן צוגעשטעלט אן א קאסט צו אייך. דאס איז אויך נוגע צו פאמיליע מיטגלידער וועלכע, מיט אייער רשות, ווילן רעדן צו די באהאנדלונג גרופע, אבער טוען נישט רעדן ענגליש.

## קארעספאנדענץ

איר קענט שיקן און באקומען פארמאכטע, אומגעעפענטע און אומצענזירטע בריוו אויסער אויב אייער באהאנדלונג גרופע באשליסט אז געוויסע צוימונגען זענען נויטיג פאר אייער געזונט-צושטאנד אדער די פון אנדערע מענטשן.

איר מוזט ווערן געמאלדן וועגן די צוימונג אויף אייער פאסט, און איר קענט אפעלירן די באשלוס צו די הויפט פון אייער פסיכיאטרישע צענטער.

אויב, פאר סיי וועלכע סיבה, קענט איר נישט ליינען אדער שרייבן, וועט די באהאנדלונג גרופע אייך צושטעלן איינע פון אירע מיטגלידער צו ליינען אדער שרייבן פאר אייך, און איר וועט ווערן צוגעשטעלט פארשטענדליכע צייט פאר דאס. אויב איר רעדט נישט ענגליש, וועט איינער וואס רעדט אייער שפראך אייך העלפן ווען נויטיג.

## טעלעפאן

איר וועט האבן פארשטענדליכע צוטריט צו א טעלעפאן.

## באזוכער

איר האט די רעכט צו האבן באזוכער אין פארשטענדליכע צייטן, און צו האבן פריוואטקייט ווען איר באזוכט. איר האט אויך די רעכט צו צוריקווייזן באזוכער.

סיי וועלכע צוימונג אויף באזוכן מוז זיין באזירט אויף א געשריבענע באפעל פון אייער דאקטאר, און וועט ווערן איבערגעשמעוסט מיט אייך פון פאראויס. די באפעל דארף ווערן געשטעלט אין אייער קלינישע רעקארד. עס מוז באשטעטיגן די קלינישע בארעכטיגונג פאר די באגרעניצונג און די ספעציפישע צייט ווען עס וועט זיין אין קראפט.

## באשיצער

אויב איר זענט לעגאל איינגעזעצט בשעת איר באקומט באהאנדלונג אין א שטאטישע פסיכיאטרישע צענטער, קען א ריכטער אויפנעמען א באשיצער צו מאכן באשליסן פאר אייך.

די ריכטער באשליסט אויב א באשיצער איז נויטיג און ווער עס וועט זיין (געווענליך רעכענענדיג פריינט און באקאנטע, אויב זיי זענען קוואליציפירט). איר האט דעם רעכט צו זיין רעפרעזענטירט דורך די גייסטישע היגיענע לעגאלע סערוויס אדער אנדער אדוואקאט ביי די פאראהאנדלונגען.

## העלט קעיר פראקסי און אנווייזונגען אויף שפעטער

איר האט די רעכט צו ענדיגן א העלט קעיר פראקסי, וועלכע נעמט אויף א העלט קעיר אגענט - נאך אן ערוואקסענע צו מאכן העלט קעיר באשלוסן פאר אייך אין פאל איר פארלירט די מעגליכקייט צו מאכן באשלוסן. איר האט אויך רעכטן, אין צוזאמענהאנג מיט די ניו יארק סטעיט געזעץ, פארבינדן צו אנווייזונגען אויף שפעטער - א מענטש'ס געשריבענע אנווייזונגען פארבינדן צו די פראוויזשען פון קעיר אין פאל די מענטש האט נישט די מעגליכקייט צו מאכן העלט קעיר באשלוסן. ווען איר ווערט איינגעשריבן, וועט די שפיטאל אייך זאגן וועגן די רעכטן און, אויף אייער פארלאנג, אייך צושטעלן א פארם צו באשטימען אן אגענט און געבן מער הילף.

## אייער רעכט צו קוואליטעט קעיר

איר האט די רעכט צו אן אייגענע פלאן פון באהאנדלונג. די פשוט'ע באהאנדלונג פלאן זאל אריינרעכענען א דערקלערונג פון צילן פון באהאנדלונג, צוגעפאסטע פראגראמען, באהאנדלונג אדער טעראפיעס צו ווערן אונטערגענומען נאכצוקומען די צילן און א ספעציפישע צייט פאר איבערגיין פארשריט. איר מוזט האבן די געלעגענהייט צו אנטייל נעמען ווי מער ווילאנג איר קענט אויפשטעלן און טוישן אייער אינדיווידועלע באהאנדלונג פלאן. דאס רעכנט אריין די רעכט צו בעטן אז אייער פלאן זאל ווערן געטוישט.

איר האט די רעכט צו באקומען סערוויסעס וואס זענען צוגעפאסט צו אייער געברויכן צוגעשטעלט אין א פעאיגע, זיכערע און מענטשליכע וועג. אונטער שטאטישע און פעדעראלע געזעץ, קענען שטאב פערזאנען נישט דיסקרימינירן קעגן אייך וועגן ראסע, קאליר, סעקס, קריד, רעליגיע, עלטער, נאציאנאלע אפשטאם אדער די נאטור אדער שוועריגקייט פון אייער באגרעניצונג.

אלץ א שפיטאליזירטע, וועט איר באקומען פון צייט צו צייט מעדיצינישע און דענטאל אונטערזוכונגען. באהאנדלונג פאר מעדיצינישע און דענטאל פראבלעמען זענען אוועילעבל, מיט צוגעפאסטע נאכפאלגענדע סערוויסעס אויב נויטיג.

מעדעצינען קען ווערן גענוצט נאר פאר טעראפיע צוועקן, און די צוועק און מעגליכע זייטיגע ווירקונגען, ווי אויך אלטערנאטיווע באהאנדלונגען אוועילעבל, מוז ווערן ערקלערט צו אייך.

אין פאל פון ערנסטע קראנקהייט אדער שאדן, וועט אייער באשיצער, פאמיליע אדער א נאנטע פריינט וועם איר האט באשטימט גלייך ווערן געמאלדן.

## אייער רעכט צו זיך קעגנשטעלן

איר האט א רעכט זיך קעגנצושטעלן צו סיי וועלכע מין קעיר און באהאנדלונג, און צו אפעלירן באשלוסן מיט וואס איר טוט נישט צושטימען. אויב איר שטעלט זיך קעגן, וועט אייער באהאנדלונג גרופע מוזן מאכן יעדע מי צו צושטעלן אן אלטערנאטיווע באהאנדלונג אדער פראצעדור וואס וועט זיין אנגענומען פאר אייך.

מעדעצינען אדער אנדערע מעדיצינישע באהאנדלונגען פארגעשלאגן פאר אייך מוזן ווערן ערקלערט צו אייך. אויב איר שטעלט זיך קעגן, האט איר די רעכט צו האבן די פארגעשלאגענע באהאנדלונג, און אייער קעגנשטעלונגען, אינגאנצן איבערגעקוקט דורך די אפיס פון גייסטישע געזונט דאקטורים און דורך א געריכט. אויסער אין אן עמערדזשענסי, קענט איר נישט ווערן באהאנדלט ווען איר שטעלט זיך קעגן אן א געריכט ערלויבעניש, און איר האט די רעכט צו האבן די גייסטישע היגיענע לעגאלע סערוויס אדער אן אנדערע פארטרעטער אייך צו העלפן אין אדמיניסטראטיווע און געריכט פראצעדורן.

## אפהאלטן און אפזונדערן

אפהאלטן און אפזונדערן פון פאציענטן זענען די לעצטע זיכערהייט שריט צו פארמיידן שאדן, און די אפיס פון גייסטישע געזונט פאליסי שטעלט פאר אז זיי קענען נאר ווערן גענוצט אין דרינגענדע פעלער.

געוויסע מינים פון אפהאלטן דעווייסעס וועלכע דאקטוירים קענען באפעלן רעכענען אריין פיר-שפיץ אפהאלטונגען, פינף-שפיץ אפהאלטונגען, האנטגעלענק צו פאסיק אפהאלטונגען, און בארואיגונג דעקעס. שטאב פערזאנען זענען ערווארטעט צו נוצן די ווייניגסטע געצוימטע מין פון אפהאלטונג וועלכע איז צוגעפאסט און ווירקזאם.

אפזונדערן פאסירט ווען א מענטש ווערט געשטעלט אליין אין א שטוב וועלכע ער אדער זי קענען נישט פארלאזן ווילנדיג.

איר קענט ווערן אפגעהאלטן און אפגעזונדערט נאר דורך א געשריבענע באפעל פון א דאקטאר, באזירט אויף א פערזענליכע אונטערזוכונג. אויב א דאקטאר איז נישט גלייך עוועילעבל, קען א העכערע קלינישאן אנהויבן די פראצעדור בשעתן ווארטן פאר די דאקטאר אנצוקומען נאר אויב די פאציענט טוט פרעזענטירן א באלדיגע געפאר פאר זיך און אנדערע.

א באפעל איז גילטיג פאר נישט מער ווי איין צוויי שעה פאר ערוואקסענע און צו באנייען א באפעל, מוז די דאקטאר דורכפירן נאך אן אונטערזוכונג און שרייבן נאך א באפעל. בשעת איר זענט אפגעהאלטן אדער אפגעזונדערט, וועט איר ווערן

נאכגעקוקט נאכאנאנד און אייער וויכטיגע סימנים וועלן ווערן גענומען רעגלמעסיג. אפהאלטן און אפזונדערן זאלן נישט ווערן גענוצט אלץ א שטראף, און פאר די באקוועמליכקייט פון די שטאב אדער אלץ א פארטרעטער פאר באהאנדלונג, און איבעריגע מאכט זאל נישט ווערן גענוצט.

גלייך ווען מעגליך נאך וואס איר זענט געווארן אפגעהאלטן אדער אפגעזונדערט, און ווי נאר איר זענט וויליג, מוזן שטאב איבערגיין די צושטאנדן וואס נעמט ארום די עפיזאד מיט די אינדיווידואל. זיי מוזן פרובירן צו אידענטיפיצירן מיט אייער הילף וואס מען האט געקענט טון אנדערש און וויאזוי א שפעטערדיגע עמערדזשענסי קען ווערן פארמיטן.

שפיטאל קוואליטעט פראגראמען זענען אויך ערווארטעט צו נאכקוקן אפהאלטן און אפזונדערן.

# כירורגיע און אנדערע באהאנדלונגען

כירורגיע, עלעקטרא-קאנוואלסיוו טעראפיע (שאק באהאנדלונג), גרויסע מעדיצינישע באהאנדלונג אדער עקספערימענטאל דראגס און פראצעדורן זענען נאר ערלויבט בלויז מיט צוגעפאסטע ערלויבעניש.

אויסער אויב איר זענט אונטער די עלטער פון 18 אדער א ריכטער באשליסט אז איר האט נישט די מעגליכקייט צו צושטימען צו באהאנדלונג, קענען די פראצעדורן ווערן דורכגעפירט נאר מיט אייער אינפארמירטע צושטימונג. דאס מיינט צושטימען צו די פראצעדור נאכ'ן ווערן געגעבן פולע און גאנצע אינפארמאציע און פאטענציאלע בענעפיטן און שאדן.

אויסער אויב איר זענט אונטער די עלטער פון 18 אדער איר האט נישט די מעגליכקייט צו צושטימען צו באהאנדלונג, קען ערלויבעניש פאר די פראצעדורן ווערן באקומען פון א נאנטע קרוב, א העלט קעיר אגענט (די פערזאן באשטימט אין א העלט קעיר פראקסי), א ריכטער-באשטימטע סאראגעט, א סאראגעט באשלוס-מאכנדע קאמיטעט אדער א ריכטער. אויב אבער, אפילו מיט די צושטימונג פון א סאראגעט, קענען די סארט פראצעדורן נישט ווערן געגעבן אין א נישט-עמערדזשענסי צו איינעם וואס שטעלט זיך קעגן אויסער אויב ער אדער זי איז אויף נישט פרייוויליגע סטאטוס און איז געגעבן געווארן א אויסוואל צו זוכן גערעכטיגקייט אדער אדמיניסטראטיווע איבערזיכט אויף די באשלוס.

אין עמערדזשענסיס, קען די פסיכיאטרישע צענטער הויפט ערלויבן א פראצעדור נויטיג צו ראטעווען א לעבן אדער גליד אן באקומען צושטימונג פון מענטשן. עלעקטרא-קאנוואלסיוו טעראפיע איז נישט באטראכט אלץ אן עמערדזשענסי באהאנדלונג, און איר באנוץ קען נישט ווערן ערלויבט דורך א פסיאכיטרישע צענטער הויפט אלץ אן עמערדזשענסי פראצעדור.

## פארשונג

איר קענט אנטייל נעמען אין פארשונג נאר אויב עס איז נישט אין קעגנזאץ מיט אייער אינדיווידואלע באהאנדלונג פלאן. צושטימען אדער זיך קעגנשטעלן אנטייל צו נעמען אין פארשונג וועט אייך נישט אוועקנעמען פון סיי וועלכע רעכטן, פריווילעגיעס אדער זיכערהייט געגעבן אין די געזעץ.

איר האט די רעכט זיך קעגנצושטעלן צו אנטייל נעמען אין סיי וועלכע שטאב טרענירונג אקטיוויטעט וואס איז נישט א הויפט חלק פון אייער באהאנדלונג פלאן.

## קרימינאלע הונטערגרונד

ווען איר ווערט אנגענומען, וועט אן אויטאמאטישע קאמפיוטער איבערזיכט געמאכט ווערן צו באשטימען אויב איר האט א קרימינאלע היסטאריע.
אינפארמאציע פון די אפטיילונג פון קרימינאלע גערעכטיגקייט סערוויסעס קענען ווערן סומערייזט און אריינגערעכנט אין אייער קלינישע רעקארד, כאטש די באריכט אליין וועט ווערן צושטערט דורכאויס צוויי וואכן פון באקומען. איר וועט געגעבן ווערן געשריבענע נאטיץ אז אייער קרימינאלע היסטאריע אינפארמאציע וועט ווערן באקומען און אז עס איז דא א געלעגנהייט צו בעטן פארריכטונג פון נישט גוטע אינפארמאציע.

## באפרייאונג

אויב איר ווערט אנגענומען אונטער די גייסטישע היגיענע געזעץ, וועט איר ווערן באפרייט צו אייער קאמיוניטי נאך אייער באהאנדלונג גרופע אדער א געריכט האט באשטימט אז איר דארפט מער נישט שפיטאליזירטע קעיר און באהאנדלונג.

א סערוויס פלאן וועט ווערן אנגעגרייט פאר אייך איידער איר ווערט באפרייט. איר, צוזאמען מיט אייער ערלויבטע פארטרעטער, אויב איר האט איינס, וועט ווערן געגעבן די געלעגנהייט צו זיין אקטיוו מיטגעטיילט אין איר אנטוויקלונג.

די פלאן וועט אריינרעכנען:

- א דעקלעראציע פון אייער געברויך, אויב סיי וועלכע, פאר איבערזיכט, מעדעצינען, נאך קעיר סערוויסעס און העלפן טרעפן ארבעט.
- א ספעציפישע רעקאמענדאציע פאר די מין וואוינארט און וועלכע איר וועט וואוינען און א ליסטינג פון די סערוויסעס אוועילעבל אין אזא וואוינארט.

שטאב מוז זיך אויך באראטן מיט די לאקאלע אפטיילונג פון סאציאלע סערוויסעס, און מוז פראצעסירן אלע אפליקאציעס פאר פאבליק הילף, מעדיקעיד און סופלעמענטעל סעקיוריטי אינקאם (SSI) איידער איר ווערט באפרייט.

פערזאנען איינגעגעבן אונטער די קרימינאלע פראצעדור געזעץ אדער פארריכטן געזעץ וועלן ווערן ארויסגעלאזט אדער באפרייט אונטער די טערמינען פון יענע געזעצן.

## לעגאלע הילף פאר אייך

די גייסטישע היגיענע סערוויס (MHLS) טוט צושטעלן לעגאלע סערוויסעס, ראט און הילף, ארייננגערעכנט רעפרעזענטאציע, וועגן אלע ענינים וואס קומען ארויף נאך אייער שפיטאליזאציע דא. MHLS איז אן אגענטור פון די ניו יארק סטעיט סופרים קאורט, און איז נישט א טייל פון די אפיס פון גייסטישע געזונט אדער סיי וועלכע אנדערע פסיכיאטרישע צענטער. MHLS שטאב מיטגלידער זענען אדוואקאטן אדער סאציאלע ארבעטער וואס האבן א לעגאלע הונטערגרונד. זייער ארבעט איז אייך צו העלפן און פארשטיין און באשיצן אייערע רעכטן אלץ א פאציענט.

אויב איר שטעלט זיך קעגן צו ווערן שפיטאליזירט, קען די MHLS ארראנזשירן פאר אייך צו האבן א געריכט הירינג פארנט פון א ריכטער, וואס וועט באשליסן אויב איר ברויכט בלייבן. אויב איר האט נישט אייער אייגענע אדוואקאט, קען MHLS אייך אדער רעפרעזענטירן אדער באקומען אן אדוואקאט פאר אייך. איר קענט אויך באקומען נאך א פסיכיאטרישע מיינונג.

MHLS העלפט פאציענטן אין אנדערע וועגן, ארייננגערעכנט אויספארשן קלאגעס פון פאציענט אביוז און שלעכטע באהאנדלונג.

אלע פאציענטן, זייער פאמיליעס און אנדערע וועלכע ארבעטן פאר די פאציענטן האבן די רעכט צו קאמיוניקירן פרייוויליג און פריוואט מיט MHLS רעפרעזענטירן אין סיי וועלכע צייט. די נעמען, אפיס אדרעסן און טעלעפאן נומבערן פון MHLS פארטרעטערס ווערן געשטעלט ביי יעדע פסיכיאטרישע צענטער, און שטאב זענען געפאדערט צוצושטעלן די אינפארמאציע צו פאציענטן לויט זייער פארלאנג. ווי אויך, יעדע פסיכיאטרישע צענטער'ס סוויטש-באורד קען פארבינדן א רופער צו MHLS אדער צושטעלן די טעלעפאן נומבער. אלע MHLS סערוויסעס זענען אומזיסט.

## טעלעפאנירן נאך הילף

די סטעיט אפיס פון גייסטישע געזונט טוט צושטעלן א טאל-פרייע קאסטומער רילעישאנס ליניע. רופט:

1-800-597-8481

די נומבער פאר ספאניש-רעדנדע רופער (en Español) איז:

1-800-210-6456

צו רופן די גערעכטיגקייט צענטער פאר די באשיצונג פון מענטשן מיט ספעציעלע געברויכן רופט פריי פון אפצאל:

1-855-373-2122

זיך צו פארבינדן מיטן דזשוינט קאמישאן אדער צו איבערגעבן זארגן איבער דעם ארגאניזאציע, רופט:

1-800-994-6610

אדער אימעיל

complaint@jointcommission.org